# ראַדאָמער-קעלצער לעבען


**Radomer-Kielcer Leben**

**48 (238)** V-טער יאָהרגאַנג.

Radom ראַדאָם פרייטאג

14 grudnia 1928. א׳ טבת תרפ״ט.

פּרייז 25 גראָשען.

Redakcja i Admistracja

**Radom, Szwarlikowska 20.**

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען פּרייז:

איין מילימעטער שורה: פאַר׳ן טעקסט 33 גר

" " " " אין 40 "

" " " נאָכ׳ן 12 "

די פּרייזען און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען

אין טעקסט 4 "


צו דער פערלאָבונג פון אונזער ל. ב. הער,
שוואָגער און פעטער הערשעל
מיט פרל׳ הדס׳ל קירשענצווייג
גראַטולירען מיר הערצליך און ווינשען א״הם
א גליקליכע צוקונפט.
מאיר עט פרוי אסתר׳ל שניידערמאַן
און קינדערלעך.

Henia Kirszencweiżanka
Herman Sznajderman
**Zaręczeni**
Radom w Grudniu 1928.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן
און ברודער הערשעל
מיט פרל׳ הדס׳ל קירשענצווייג
ווינשען מיר זיי, אז זייער צוזאמענבונד זאָל
געשלאָסען זיין מיט גליק, און מזל-ברכה.
עלטערן, משה עט פרוי פייגע
און רעגינא שניידערמאַן.

Z intencji zaręczyn naszej kochanej córki
i siostry **Sali Rutmanówny** z p.
**Chenkiem Blattem** życzymy szczęśliwej
przyszłości, szczęścia, obfitości, bez ludzkiej
zazdrości i wiecznego zadowolenia życzą
Rodzice siostra Celina
i brat Heniek Wapniecy

צו די פערלאָבונג פון אונזער שוועסטער
און שוועגערין הדס׳ל קירשענצווייג
מיט הערשעל שניידערמאַן
ווינשען א בליענדע צוקונפט און אייביגע האַרמאָניע.
ישראל איטשע מאַגנישעווסקי
עט פרוי.

צום פערלאָבונג פון אונזער שוועסטער
און שוועגערין
פרל׳ העניא קירשענצווייג
מיט ה׳ הערמאַן שניידערמאַן אויס ראַדאָם
ווינשען, דיין גאַנצעס לעבען זאָל זיין בעגליקט
אויף יעדען שריט און טריט.
יעקב יוסף עט דבורה׳לע מאַגנישעווסקי.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען
ברודער און שוואָגער חיים בלאַט
מיט פרל. סאַליא רוטמאַן ווינ-
שען מיר פיל גליק און שטענדיגע
צופרידענהייט.
יוסל שוואַרצבערג עט פאַמיליע

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ברודער
און שוואָגער חיים בלאַט מיט פרל.
סאַליא רוטמאַן ווינשען מיר פיל
גליק און צופרידענהייט.
יעקב פערעלגוט און כלה רחל בלאַט

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען
זוהן און ברודער חיים מיט פרל׳
סאַלע רוטמאַן ווינשען מיר, אז
זייער צוזאַמענבונד זאָל זיין מיט פיל
גליק צו אַלעמענס צופרידענהייט.
מוטער, שוועסטערן
און ברודער בלאַט.

Sala Rutmanówna
Heniek Blatt
ZARĘCZENI
Radom 9 grudnia 1928


פיינסטע פלאַנצען-פּוטער




בעשאַנקען מיט 6 גאָלד-מעדאַלען.
פאַרטרעטער און פאַבריק לאַגער:
Generalne Przedstawicielstwo na woj. Kieleckie i skład fabryczny
**J. ZYLBER, Radom Długa 5.**


דעם פּרעזעס פון אויפזיכטס-ראַט
ה׳ מאיר אייזענבערג
צו דער התונה פון זיין טאָכטער
פרל׳ גיטע מיט ה׳ שמואל זילבער
ווינשען מיר א האַרציגען מזל-טוב.
די פערוואַלטונג און אויפזיכטס ראַט
פון דער הויזווירטען-באַנק אין קעלץ.

דעם פּרעזעס פון אויפזיכטס-ראַט
ה׳ מאיר אייזענבערג
צו דער חתונה פון זיין ליבע טאָכטער
פרל׳ גיטע מיט ה׳ שמואל זילבער
ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט
און אייביגע צופרידענהייט.
דירעקטאָר און פערסאָנאַל
פון דער הויז-ווירטען-באַנק אין קעלץ.

צו די פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער און
שוועסטער שרה׳לע מיט ה׳ חיים אייזענבוים
ווינשען מיר אייביגע צופרידענהייט און זייער צו-
זאַמענבונד זאָל זיין געפלאָכטען מיט ליבע און גליק.
עלטערן: יוסף און טאָבע, שוועסטער און ברידערן
רבקה׳לע, נחמה און ישראל פרידלאַנד.

א האַרציגען מזל-טוב ווינש איך מיינע פריינד ה׳
חיים אייזענבוים מיט פרל׳ שרה׳לע פרידלאַנד
צו זייערע תנאים,
זאָל זייער מזל לייכטען אזוי ווי די זון אין תמוז.
פנחס רובין.

צום פערלאָבונג פון פרל׳ שרה׳לע פרידלאַנד
מיט ה׳ חיים אייזענבוים ווינשען די עלטערן
פיל נחת און דעם פערלאָבטען פּאָרל א גליקליכע צוקונפט
פייגה׳לע העדעך
און דוד שיינבוים.

רען מיט אייך. אבער אייער צווייט אר־טיקעל, וועלכעס איהר האט געשריבען אין ראדאמער־קעלצער לעבען № 47 האט מיך געשטעלט אין א לאגע פון בערלע שטריימעל־מאכער, דער העלד פון אונזער גרויסען שרייבער י. ל. פרצ'ס ווערק „דאס שטריימעל", ווען דאס ציגען־בעוידיל פון געוועזענעם מלמד און יעצטיגען רב'על לאזט נישט און וועלכעס בעט זיך, ממש עס הלעט: נא ציפ מיך.—מילא פערפאלען מוז איך עס טהוען.

עס איז אומז שוין בעשערט אין די חיינטיגע וואהל־קאמפאניע, אז איהר מיט אייער ריכטונג זאלט שיטען מיט פראזען אין פאליטישען זאמד, און מיר זאלען אפערירען מיט בולט'ע פאקטען, אז אייער רעכטע האנד זאל נישט ווי־סען, וואס עס טהוט די לינקע. איינער פון אייך זאל רעדען אזוי, און דער 2־טער גראד פערקעהרט. און דאס זעל־בע איז יעצט ווידער געשעהן מיט אייך. אלזא צו דער זאך.

איהר האט אייך ה' ראטמאן איינגע־הילט אין א מאנטעל פון א לעזער, איהר ווילט זיך בעשיצען פאר מיינע ארויסגעזאגטע פאדערונגען, וועלכע מען דארף שטעלען דער קראנקען־קאסע, וועלכע זענען לויט אייער מיינונג אויס־גערעכענט אויף די נאאיווטעט און אונוויסענהייט פון די לעזער. דעריבער האט איהר מיך בעשאסען מיט די שווערסטע פאראגראפען פון געזעץ פון 19 מאי 1920 און דערנאך פערגאסען פילע עמערס טרעהרען אויף מיין גורל נעבעך. און מיר מיטגעפיהלט, וואס איך בין לויט אייער מיינונג געפאלען אלס קרבן פון א מיסטיפיקאציע, אדער פו־נאנדערגעפליגעלטע פאנטאזיע.

איך וועל אייך דעריבער נישט פרו־בען בעווייזען, אז דער געזעץ פון קראנקען־קאסע איז מיר לכל הפחות נישט וועניגער בעקאנט פאר אייך, איך וועל אייך נאר זאגען, אז איך מיין גאנץ ערנסט מיט די דורך מיר ארויס־געזאגטע פאסטולאטען. און, אז דאס וואס איהר האט אין אייער לעצט אר־טיקעל געשריבען, פאסט פאר חעמען איהר ווילט נאר, אבער נישט פאר א פאנען־טרעגער פון א סאציאליסטישער פארטיי.

איהר זאגט, אז די פאדערונג, אז די יודישע ארבייטער זאלען אונבאדינגט ווערען פערשריבען אין קראנקען־קאסע איז איבריג, ווייל די קראנקען־קאסע האט סיי ווי סיי דאס רעכט צו צווינ־גען די ארבייטס־געבער דערצו. די צרה איז אבער, וואס נישט זי האט עס ביז יעצט געטהען. און וואס אייער ערשטער קאנדידאט אויף אייער היינטי־גער ליסטע צו די קראנקען־קאסע־וואה־לען, איז ביז אהער דורך 5 יאהר דארט געזעסען אין דער פערוואלטונג, און דער טרויריגער רעזולטאט איז די 700 יודישע פערשריבענע.

יעצט בנוגע מיינע פאדערונגען, אז דער ארבייטסגעבער זאל צאהלען דעם גאנצען אפצאהל און, אז אימפאלס פון קראנקהייט זאל דער ארבייטער בעקו־מען דעם פולען לוין. איהר זאגט אז עס איז א פראגע פאר'ן סים, איך האלט אבער אז די סאציאליסטישע פראקציעס אין קראנקען־קאסע, דורך אזוי בעשטע־לען די פאדערונגען און אנגענומען זיי אין די איינצעלנע קראנקען־קאסעס, ווי אויך דורך זייערע עטרבאנדען אין גאנצען לאנד, דארפען די פאדערונגען שטעלען דער רעגירונג. אויב איהר דענקט אנדערש, דענקט איהר נישט ווי א סאציאליסט. איבעריגענס אייער אייגענער האפען ווען איך שלאגען, ווייל ווי איך האב שוין פריהער בעמערקט, ווייס נישט אייער רעכטע האנד, וואס עס טהוט די לינקע. ווייל באלד אויף צו מארגענס נאך אייער אנגעשרי־בענעם ארטיקעל, האט איהר ארויסגע־לאזט אנ'אויפרוף צו די קראנקען־קא־סע־וואהלען ביי אונז אין שטאדט, וועל־כען יעדער וועלער ווער האבען, און וועלכען איך לעג דא ביי אין רעדאק־ציע אלס זאכליכער בעוויז, וועל־כע איז ארויסגעגעבען דורך אייער וואל־קאמיטעט אונטער די רעדאקציע פון אייער חבר י. גאטליב פון ווארשא חיעלקע 17, פון וועלכען דער פונקט 2, 3 און 6 ענטהאלטען אלע דורך מיר איבענדערמאנטע פאדערונגען. הייסט עס יא נאכגעטאנצט דעם בונד, היינט זשע וואס האט אייך בעוואוגען צו שרייבען אייער ארטיקעל? קומט אויס, אז ריינע קאנקורענץ, אדער פראסט נשוט'ע קנאה. קומט זשע יעצט צום אויספיהר. ווער עס איז דער קרבן פון מיסטיפיקאציע. און ווער עס דארף לאכען.

ראטמאן

**אבר"הם פינקעלשטיין.**


צו די יודישע

# ארבייטס - געבער

## אין ראדאם.

**זונטאג דעם 16/XII קומט פאר די וואהלען צום ראט און פערוואל־טונג פון דער קראנקען־קאסע אין ראדאם.**

אלע יודישע ארבייטס־געבער ד. ה. פאבריקאנטען, סוחרים, האנדווערקער, הויז־בעזיצער, בעשעפטיגער פון הויז־דינערשאפט, און אלע די וואס בעשעפטיגען לכל הפחות איין ארבייטער וועהלען די קאנדידאטען פון דער „פאראייניגטע אונפארטייאישע ליסטע פון די ארבייטס־געבער".

## פון דער ליסטע 2

**די יודישע קאנדידאטען זענען צווישען אנדערע:**

| | | |
|---|---|---|
| קירשענבוים יאנאס | טענענבוים אלי | רובינשטיין יונה |
| בלומאן משה | אדלער יעקב | חינאהער יעקב |
| בוימאן צמח | באנקער מאיר | ראזענבערג ישראל |
| פאמפער אסקאר | לעוי גרשון | |
| דיאמענט יעקב | פשעדנאווער נח | |

**יודישער ארבייטס-געבער!** אויב דו זארגסט פאר דיינע אינטערעסען, אויב די ווילסט נישט, אז די קראנקען־קאסע זאל מיט דיינע געלדער דיך בעקעמפפען, אויב די ווילסט נישט אויפסניי בעלאסטעט ווערען מיט איבערמעסיגע שטייערען **שטים פאר דער ליסטע 2 אויף וועלכע ס'פיגורירען אויך די פארדינסטפולע פארשטעהער פון די יודישע ארבייטס־געבער** וואס שטעהען שוין פון יאהרען אויף דער וואך פון אייערע אינטערעסען. **קיין איין יודישער ארבייטס־געבער טאר נישט פעהלען ביי דער וואהל־אורנע!** אלע ווי איינער קומט איהר אפגעבען אייער שטים אין די ספעציעלע וואהל־לאקאלען אין בנין פון דער קראנקען־קאסע **נאר פאר דער ליסטע 2**

**פעראייניגטער אונפארטייאישער־בלאק**

**פון די ארבייטס־געבער אין ראדאם.**

# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## זעלבסטמארד פון א ראדאמער אינדוסטריעלער.

היינטיגען זונטאג 7 אווענד איז אין זיין וואהנונג אויף מאניושקא 8 בעגאנגען זעלבסטמארד דער בעקאנטער פוילישער אינדוסטריעלער וואצלאוו דענבאווסקי. דעם זעלבסטמארד האט ער אויסגעפיהרט מיט דערשיסען זיך פון א רעוואלווער.

דענבאווסקי איז געוועזען דירעקטאר פון דער גארבעריי „נאוואשמש" און פרעזעס פון דער שטאדטישער קרעדיט־געזעלשאפט.

די סבה פון זעלבסטמארד איז נישט בעוואוסט.

## וואס מ'דארפט נאך וויסען וועגען דער רעיעסטראציע

דער האנדווערקער־קלוב טיילט מיט:

ווי מיר האבען זיך איבערצייגט אר־יענטירען זיך נישט פיל אין דער רע־יעסטראציע־פראגע. אזוי רעכנען פיל פון די יעניגע, וועלכע האבען זיך רע־יעסטרירט אין ה.־קלוב און אין מא־גיסטראט, אז זיי האבען שוין די רע־יעסטראציע פאלקאם ערלעדיגט — דע־ריבער מאכען מיר אויפמערקזאם די פראינטערעסירטע, אז די אייגענטליכע רעיעסטראציע פון דער אונטערנעמונג, איז אין דער סטאראסטווע (ביים רעפע־רענט ה. פיעשטשאלסקי וואוינונג 4 №) צו וועלכע עס ווערען בייגעלייגט די דאקומענטען פון מאגיסטראט ווי: די בעשטעטיגונג, אז מען פיהרט זעלבסט־שטענדיג די אונטערנעהמונג, א מאראל־צייגניש און א פאס, אדער א אויסצוג פון די בעפעלקערונג'ס־ביכער (Wyciąg z ks. ludności).

אום אויסצומיידען קאמפליקאציעס ראטען מיר אלע אהן אויסנאהם, וועלכע האבען זיך רעיעסטרירט אין ה.־קלוב, אז זיי זאלען זיך מעלדען אין סעקרעטאריאט פון קלוב אין די אווענד־שעה'ן פון 6—$9^{1}/_{2}$ אום פעסטצושטע־לען צי די רעיעסטראציע איז ענדגיל־טיג ערלעדיגט.

ביי דער געלעגענהייט דערמאנען מיר נאך אמאל, אז די אונטערנעמונגען, וועלכע בעזיצען דאפעלטע פאטענטען, דארפען ביידע פאטענטען רעיעסטרירען בעזונדער.

מיר ווארנען, אז די טעג צו רע־יעסטרירען זענען געציילטע. ליגט דע־ריבער א חוב אויף יעדען נישט צו פערנאכלעסיגען דעם ענין.

### וועגען אויסקויפען פאטענטען אויפ'ן נייעם יאהר.

אין סעקרעטאריאט פון קלוב ווערען שוין אנגענומען צו ערלעדיגען פאטענ־טען אויפ'ן נייעם יאהר.

### פערזאמלונג

#### פון לאקאטארען־פעראיין

זונטאג דעם 9־טען ד. ח. איז אין האנדוו.־קלוב אונטער'ן פארזיץ פון וויצע־פרעזעס פון שטאדט־ראט, ה' קאכליאר, פארגעקומען א אויסערגע־וועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון לאקאטארען. די פערזאמלונג איז צוליב די קליינע צאהל אנוועזענדע פארגע־קומען דעם 2־טען טערמין 2 נ. מ.

נאכ'ן בעהערען דורך אויפשטעהן די פערשטארבענע פערוו.־מיטגלידער די ה"ה: יוליאן קאספזשיקאווסקי און פרע־זעס ל. בריליאנט האט דער פרעזעס אבגעגעבען א בעריכט פון דער טעטיג־קייט פון דער פערוואלטונג.

דער בעריכט איז גענומען געווארען צום קענטניס און עס איז דורך א קלע־מאציע אויסגעוועהלט געווארען א קא־מיסיע פון פאלגענדע פערזאנען: ב. בערלינסקי, מ. פינקעלשטיין, ב. גאלד־בערג מ. קאהלער, מ הערץ, י. י. מאגנישעווסקי, ה. מלינארסקי און ל. זילבערשטיין.

די קאמיסיע האט היינטיגען זונטאג אבגעהאלטען א זיצונג און בעשלאסען צו רופען א אויסערגעוועהנליכע פער־זאמלונג פון אלע לאקאטארען אויף דעם 30־טען ה. ח.

סעקר. ש. סטראוטשינסקי.


זינטיק ד. 16־טן דעצעמבער

שטימען אלע ארבעטער און אנגעשטעלטע

4 פאר דער ליסטע פון „בונד" 4

פאר № 4


## געשאפען א פאטראנאט ביי די פאך־קורסען

אין די שולע פון די פאך־קורסען איז אויף א זיצונג פון די פארשטע־הער פון אלע פאכען געגרינדעט גע־ווארען א פאטראנאט, אין וועלכען ס'זע־נען געקליבען געווארען 12 מאן. צוזא־מען מיט דער לייטונג פון די קורסען האט דער פאטראנאט זיך בעקענט מיטן סטאטוט און זיך פערפליכטעט צו זיין דער אויספיהרונג'ס־ארגאן פון דער פאך־שולע.

די אויפגאבע פון פאטראנאט וועט זיין צו רעגולירען די בעציהונגען צווי־שען די מייסטער'ס מיט די לערן־יונ־גלען, ווי אויך אכטונג געבען, אז די לערן־יונגלעך זאלען בעזוכען רעגולער די קורסען.

דער פאטראנאט איז באלד אויפ'ן ארט קאנסטיטואירט געווארען און ס'זע־נען אריין פאלגענדע 12 פערזאהן: גרשון בייכשמאן (פרעזעס), מרדכי שפילפאגעל (וויצע־פרעזעס), בצלאל גיסער (סעקרעטאר), אלי' גלאזמאן (קא־סירער) און פערוו.־מיטגלידער: יחיאל גאלדבערג, שמעון דיזענהויז, יצחק שניידער, יוסיל האך, ה. פאגעלמאן און הירש ראזענצווייג.

## איבערגעלאזט אין ווארשא א פרוי מיט זעקס קינדער און אוועק מיט א קריסטליכע דיענסט קיין ראדאם.

פערגאנגענע וואך איז פון ווארשא געקומען א יודישע פרוי א געוויסע גיטעל בען און ווענדענדיג זיך צו הר' קעסטענבערג האט זי איבערגעגעבען א בריף פון ווארשאווער ראבינאט וואו ס'ווערט איבערגעגעבען פאלגענדע געשיכטע:

שוין צוויי וואכען ווי דער מאן פון די דאזיגע פרוי האט איהר פערלאזט און איז אוועק מיט א קריסטליכע דינסט, מיט וועמען ער האט זיך בעקענט אין ווארשא. שוין 16 יאהר ווי די דא־זיגע פרוי וואוינט מיט איהר מאן און האבען צוזאמען 6 קינדער.

נאכ'ן אבנעמען ביי זיין קאפעליושען־פאבריקאנט זיין אבצאהלונג אויף א סומע בעערך פון 300 זל. ווי אויך צונעמענדיג א קראגען פון זיין פרוי איז ער אוועקגעפאהרען מיט זיין קריסטליכע געליבטע קיין ראדאם צו איהרע עלטערען. דער ווארשאווער רא־בינאט בעט אלזא, דעם הר' קעסטענ־בערג ער זאל דער דאזיגער אומגליק־ליכער פרוי העלפען.

באלד פרייטאג פריה איז דעם הר' ק. געלונגען געוואויר צו ווערען, וואו די עלטערען וואוינען און וואו עס גע־פינט זיך דער אומגליקליכער'ס פרוי'ס מאן אברהם יצחק בען.

הרי ק. האט זיך דאן פערשטענדיגט טעלעפאניש מיט'ן אויבער־קאמיסאר פון דער ראדאמער פאליציי און איהם גע־מאלדען וועגען דעם פאל.

דער נאדקאמיסאזש האט תיכף גע־שיקט א פאליציאנט נאך ה' אברהם יצחק בען (נאוואָ [?]שאסנא 11) איהם רופען אין קאמיסאריאט אריין. דער־זעהענדיג דעם פאליציאנט דורכ'ן פענס־טער, האט ה' בען פערשטאנען, אז מ'זוכט איהם האט ער זיך אין דער וואהנונג אויסבעהאלטען, און דעם פא־ליציאנט האבען די שטובּיגע ערקלערט, אז ער איז מיט די קריסטען אבגע־פאהרען.

בען, דערוויסענדיג זיך, אז מען פארשט איהם נאך, איז שבת אהיימגע־פאהרען צו זיינע קינדער, און די פרוי גיטעל איז געבליבען אין ראדאם איהם זוכען.

היינטיגען מאנטאג איז געקומען צו הר' ק. א בריף פון די קינדער, אז דער פאטער איז שבת אהיים געקו־מען.

### די יובילעאום־פייערונג

#### פון קאאפעראטיוו „סורוויט"

#### וועט פארקומען דעם 5 מטיציען

די צוויי־יעהרינגע יובילעי־פייערונג פון קאאפעראטיוו „סורוויט", וואס איז בעשטימט געווען אויפ'ן היינטיגען שבת־צו־נאכט ווערט צוליב טעכנישע טעמים אבגעלעגט און וועט פארקומען דעם 5־טען סטיציען 1929. ס'הייסט דעם צווייטען מאנאט.

סעקרעטאר פון „סורוויט"

מ. שפילפאגעל




## ווער געהט אלץ צו די וואהלען פון קראנקען-קאסע.

אין די לעצטע וואכען פיהלט זיך א לעבהאפטע בעוועגונג ארום די וואהלען פון קר.-קאסע. מצד די ארבייט'ס-געבער ווערען ארויסגעשטעלט צוויי ליסטעס-נומער 1 און 2. די ערשטע איז א פוילישע און עס פיגורירען אויף איהר אלס די שפיץ-שטעהענדע דער דירעקטאר פון דער היגער סוראפאספאט אינזש. ראדאמסקי, קישילעווסקי א. א.

ליסטע נומער 2 איז א פעראייניגטע פון יודישע און קריסטליכע ארבייט'ס-געבער. צום דאזיגען בלאק זענען צוגעשטאנען ווער סוחרים-פעראיין, האנד-ווערקער-קלוב און יודישע פאבריקאנטען. און דער שפיץ פון דער ארבייט'ס-געבער-ליסטע נומ. 2 שטעהען די ה"ה סימיעוסקי, גראף, אינזש. וולאשקאווסקי, צמח בוימאן, משה בלומאן א. א.

מצד די פערזיכערטע זענען ארויסגעשטעלט געווארען פאלגענדע ליסטעס: נומער 2 איז פ. פ. ס., נומער 4 בונד. נומער 5 איז פועלי אמוני ישראל, נומער 6 איז פון פוילישע גייסטיגע ארבעטער, נומער 8 איז פועלי ציון.

אויף דער יודישער גאס שפילט זיך אן צומערסטענס דער קאמפף צווישען בונד און פועלי ציון. פועלי אמוני ישראל ענטוויקעלט א שוואכע אגיטאציע.

די וואהלען קומען פאר היינטיגען זונטאג. דעם אויסגאנג פון די וואהלען און א גענויען בעריכט וועלען מיר ברענגען אין קומענדיגען נומער.

## די פארגעשטעלטע פון פעראייניגטען אומפארטייאישען בלאק פון ארבייטס-געבער — ליסטע 2

שבת דעם 15/12 ד. י. קומען פאר 2 גרויסע וואהל-מיטינגען געווידמעט די קראנקען-קאסע-וואהלען.

1 א. ז. נ. מ. אין לאקאל פון האנד-ווערקער-מיטינג מיט'ן אנטייל פון די ה"ה סיים-דעפוטאט ח. ראסנער, בראמבערגער, פייערינג (ווארשא) י. קירשענבוים (רעפרעזענטאנט פון דער ליסטע 2 א. א.

8 א. ז. אווענד אין לאקאל פון סוחרים-פעראיין: זשעראמסקי גאס 18 א סוחרישער מאסען-מיטינג מיט'ן אנטייל פון די ה"ה: נ. זיגמאן, פ. פרענקעל, א. פאמפער, סט. קוראווער י. קירשענבוים (רעפרעזענטאנט פון דער ליסטע 2 א. א.

ס'איז געוואונשען, אז סוחרים און האנדווערקער זאלען מאסענהאפט בעזוכען די א. ד. מיטינגען, אויף וועלכע ס'וועלען ארומגערעדט ווערען זעהר אקטועלע פראגען און צוזאמענהאנג מיט די וואהלען, — ענינים וואס זענען דירעקט וויכטיג דעם יודישען סוחרטום און די יודישע האנדווערקער אין ראדאם.

דער א. ד. בלאק בעט אונז אויך אויפצוקלערען אז די ליסטע נ. 2 פון ארבייטס-געבער האט אבסאלוט קיין שייכות נישט מיט דער ליסטע 2 פון די פערזיכערטע ארויסגעשטעלט דורך דער פ. פ. ס. די ארבייטס-געבער שטימען אין א בעזונדערע קוריע.

## קעסטענבערג-סאקאלאו-פראצעס אבגעלעגט געווארען.

פאראכטמאגען פרייטאג איז אין לובלינער אפעלאציע-געריכט בעטראכט געווארען די אפעלאציע פון ה' סאקאלאו אין צוזאמענהאנג מיט'ן ארויסגעטראגענעם אורטייל אין היגען קרייז-געריכט בשעת זיין פראצעס פאר צוויי יאהר מיט הר' קעסטענבערג.

מצד ה' סאקאלאו זענען געשטאנען פאר'ן לובלינער אפעלאציע-געריכט צוויי אדוואקאטען די ה"ה אדוו. בערענסאהן פון ווארשא און אדוו. ד"ר אלמען פון לובלין, געוו. סעקרעטאר פון דער לובלינער געמיינע.

איידער דער פראצעס האט זיך אנגעהויבען האבען די אדוואקאטען געבעטען דעם פראצעס אבצולעגען, מאטיווירענדיג, אז זיי פעהלט אויס א דאקומענט, וועלכער איז אן עקזעמפליאר פון דער העברעאישער צייטונג „הצפירה“ פון יאר 1918 סאיז וואו גע-ווען איבערגעדרוקט די רעדע פון הר' קעסטענבערג בעת'ן ענטשטעהן פון נאציאנאל ראט אין ווארשא.

דאס געריכט, נעמענדיג אין אכט, די ערקלערונג פון די אדוואקאטען האט דעם פראצעס אבגעלעגט אויף א אומבעשטימטע צייט.

## וואהל-מיטינגען.

שבת דעם 15 ה. ח. 12 אז. פ. מ. קומט פאר אין „קאראסא“ א גרויסער וואהל-מיטינג פון די פועלי ציון. אויפן מיטינג וועלען ארויסטרעטען מיט רעפעראטען בעקאנטע טהוער פון דער פראפעסיאנעלער ארבייטער-בעוועגונג ווי די ה"ה מיטעק פון לאדז און וואקס פון ווארשא.

אין זעלבען שבת האלט אב דער בונד אין ארב.-היינקעל א וואהל-מיטינג מיט דער בעטייליגונג פון בעקאנטען בונדישען טהוער ד"ר עהליך פון ווארשא.

אויך די פועלי אמוני ישראל ארדענט איין א רייהע וואהל-מיטינגען.

## רעדי פארשטעלונג

### אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי“

נאכ'ן שבת צו נאכט ווערט אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי“ געגעבען א הערליכע רעווי-פארשטעלונג, וואס ווערט אויסגעפיהרט פון בעריהמטע ווארשאווער ארטיסטען ווי הענוש און אנד. דער פראגראם איז א פערשידענארטיגער מיט רייכע נומערן.

## א פערזענליכער פערזיה'.

אין שייכות מיט ה' פייגענבוים'ס פאלעמיק אין אונזער יענערוואכעדיגער צייטונג ערקלערען מיר, אז די צודראסטישע און אנגרייפענדיגע שטעלען אויפ'ן אדרעס פון בעקאנטען ראטמאן ה' מארעק פינקעלשטיין זענען דורכגעלאזען געווארען צוליב א פערדריסליכען פערזעהן, מחמת דעם, וואס אין דערמאנטען פאלעמיזירענדיגען ארטיקעל זענען מעגליך פערהאנען ספירען פון בעוואוסטליכער בעליידיגונג דריקען מיר דא אויס אונזער טיפסטען בעדויערונג.

רעדאקציע.


2 אלע יודישע ארבייטס-געבער 2

שטימען פאר דער ליסטע

נומ. 2 №

אויף וועלכע ס'פיגורירען יודישע קאנדידאטען



בעקאנטמאכונג.

די דירעקציע פון גימנאזיום „פשיאשול וויעדזי“ אין ראדאם (מיט רעגירונגס רעכט) מאכט עפענטליך בעקאנט, אז די איינשרייבונגען פון די נייע ערגיינצונגס-שטודענטע שילער נעמט אן די קאנצעלאריע אין די אמט שעהן.

צו די ביטעס בעדארף מען בייליגען א געבורט'ס-שיין, אימפונגס-שיין און עווענטועל א שול-צייגניש.

די עגזאמינעס וועלען פארקומען דעם 7-טן הטיצען.

די דירעקציע.



גרייט אייך צום גרויסען

מאסקען-באל

יודישער טורן-און-ספארט געזעלשאפט „בר-כוכבא“ אין ראדאם

מאסקען-באל

ארדענט איין דעם 29 ה. ח. דעם ערשטען גרויסען פראדיציאנעלען

אין די זאהלען פון טעאטער „ראזמאיטאשטשי“

איינצעלהייטען אין די ווייטערע אנאנסען.



Kino Teatr „ODEON“ w Radomiu.

**Baczność! Uwaga!**

Trzy największe asy ekranu

**Emil Janings - Lya de Putti**

**WERNER KRAUSS**

w pierwszorzędnym obrazie sezonu p. t.

**„OTELLO“**

Cały Radom winien obejrzeć to przepiękne koncertowe arcydzieło gry.



**OGŁOSZENIE.**

Podaje się do publicznej wiadomości, że z dniem 1 ym stycznia 1929 roku otwarte zostaje w RADOMIU przy ulicy Lubelskiej Nr. 27.

**Biuro Próśb**

p. f. EXPRESS

Biuro załatwiać będzie wszelkiego rodzaju podania i odwołania do wszystkich władz państwowych i komunalnych, korespondencję handlową krajową i zagraniczną, tłomaczenia z języków obcych, sporządzanie bilansów, budżetów, umowy i kontrakty a także przepisywanie na maszynie

Przy biurze, które prowadzone będzie pod kierownictwem sił rutynowanych i fachowych, otwarty będzie dział zleceń i informacji handl.

**Ceny możliwie przystępne.**

צום פערלאבונג פון אונזער ליבען זוהן און ברודער
חיים מיט פרל' שרה'לע פרידלאנד
ווינשען מיר דאס אמת'ע גליק, זאל אייער לעבענס-
יוגנד זאל מיט בלומען בעצירט זיין
עלטערן, שוועסטער און ברידער
אייזענבוים.

שרה'לע פרידלאנד — חיים אייזענבוים

# פערלאבט

ראדאם 8 גרודזיען 1928.

צו דער פערלאבונג פון אונזערע פריינד פרל'
שרה'לע פרידלאנד מיט ה' חיים אייזענבוים
ווינשען מיר די עלטערן מזל-טוב און דעם פער-
לאבטען פאר אייביגעס גליק און א הערליכע צוקונפט.
מאטיל שמארק
הירשעל האנזהער.

# KUPIECKA SPÓŁDZIELNIA KREDYTOWA

## z odp. ogr. — w RADOMIU, RWAŃSKA 21.

ערלעדיגט אלערארט באנק-אפעראציעס און אינקאסעס אויף אלע שטעדט אין פוילען, פינקטליך און רעיעל פאר א מינימאלע פראוויזיע.

עס ווערען ארויסגעגעבען הלוואות אויף בעהן-און-פאסט-נאכנאהמעס ווי אויך אויף סחורה.

פאר דער בעקוועמליכקייט פון די אינקאסע-קאמיטענטען וועט די קאסע פון דער קאאפעראטיוו זיין ספעציעל טהעטיג יעדען טאג פון 6 ביז 7 אווענד.

אינקאסעס ווערען ארויסגעצאהלט פינקטליך אין זעלבען טאג פון איינפלוכען.

עס ווערען אויך אנגענומען אינקאסעס אויף לאדז פאר 80 גר. א שטיק.

## סוחרישער קרעדיט-קאאפעראטיוו

אין ראדאם, רוויינסקא 21.

צו די פערלאבונג פון אונזער פריינד
הירשל שניידערמאן מיט פרל.
הדס קערשענצווייג ווינשען
מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
יוסל שווארצבערג מיט פאמיליע

וויכטיג פאר ראדאם און אומגעגענד
אין קורצען ווערט געעפענט
א מעכאנישע שלאסעריי!!
א. נ. „כוואלע" דלוגא 5
וועלכע וועט אננעמען בוי-ארבייט
וואסער-ליי[illegible]ונג און אלע סארטען
וואגען צום כטעמפלען.
ערשטקלאסיגע ארבייט.

## Kino „CORSO" Teatr

**Od środy 12 grudnia**

Najnowsza rewelacja filmowa

O czem się nie mówi

# RODZICOM...

Wielki współczesny dramat w 10 wielkich aktach.

W rolach głównych:

Nina Vanna i Marry Johnson

Anons! Piraci Pustyni Anons!

## Kino „Nowe Czary" Teatr

DZIŚ i DNI NASTĘPNYCH!

Chluba całej ludzkości. Największy tragik ekranu **EMIL JANINGS** jako Sergjusz Aleksandrowicz w najpotężniejszym dramacie duszy ludzkiej

— p. t. —

# OSTATNI ROZKAZ

grany obecnie w kinie „Casino" w Warszawie

Bilety ulgowe nie ważne.

## Kino „ODEON" Teatr

**Od 12 b. m.**

3 **ASY EKRANU:** 3

**Emil Janings**

**Lya de Putti**

**Werner Krauss**

w pierwszorzędnym obrazie sezonu p. t.

# „OTELLO"

# וויכטיג נייעס

## פאר צוקער-ליידענדע (דיאבעטיקער)

עס ווערט עמפפעהלט דיאבעטיק-ברויט, (קלעבער-ברויט), דיאבעטיק-געבעקס, „Diapain" סוכארקעס, הערבאטניקעס, בישקאפטען, וואפלעס, מאנדעל-קיכלעך, שאקאלאד, קאקאו, ערפרישונג'ס-צוקערלעך, מיענטאזע און צוקערלעך פאר הוסט-פערלייכטערונג, מארמעלאדע, קאנפיטור, דיאבעטיק-מעהל, לאקשען, קאשקע א. ד. ג.

**בעמערקונג** — **בעמערקונג**

פאר מאגען-ליידענדע איז צו בעקומען קארלסבאדער סוכארקעס (**Sprudel**) געבאקען אויף קארלסבאדער שפרודעל-וואסער. לויט דעם יעצטיגען מעדיצינישען בעשלוס איז דאס בעסטע קורציע-געבעקס (אנשטאט ברויט). פאר מאגען-ליידענדע און דיאבעטיקער, גאל-שטיינער-ליידענדע, פעטלייביגע. די סוכארקעס ווערען רעקאמענדירט פון די וועלט-דאקטוירים. די סוכארקעס קאנען ווערען בענוצט נישט נאר צו קאווע, טהיי א. ד. גל. נאר א דאנק דעם נאטירליכען געשמאק צו אלע פאטראווע[ס].

מיין געוועלב איז אויך פערזעהן א גאנץ יאהר מיט א גרויסען אויסוואהל פון געוועהנליכע מצות, מצה-מעהל, אייער-מצות. שטענדיג פריש און גוט פון די בעוואוסטע אויטאמאטישע ווארשאווער בעקעריי **מ. בליימאן עט זאהן**

דאס אלעס עמפפעהלט

# א. האר, ראדאם

לובלינער 3 פראנט.

# Powszechny Bank Spółdzielczy

**w RADOMIU, ul. Lubelska 27.**

מאכט עפענטליך בעקאנט אז זי נעמט אן אויף אינקאסע ווע[ק]סלען אויף קיעלץ, שידלאוויעץ, קאזעניץ, וואלין, דרילטש און פשיטיק צו 1 זל. פאר א שטיק.

# 8 זונטיק דעם 16-טען דעצעמבער 8

## שטימט אלע יורישע ארבעטער און אנגעשטעלטע

ביי די קראנקן - קאסע - וואלן פאר דער איינציגע יידישע ארבעטער ליסטע

# פון „פועלי-ציון"

# ליסטע נומ. 8

קיין איין שטים פאר'ן בונד, וועלכער פאררעט אויף טריט און שריט די יידישע ארבעטער אינטערעסען; קיין איין שטים פאר צעברעכער און צושטערער פון דער פראפעסיאנעלע באוועגונג.

**אלע ווי איינער שטימען פאר דער איינציקע אויסגעפרוווטע ארבעטער ליסטע פון „פועלי ציון" ליסטע נ. 8**

# Doktór B. IWANOW

**CHOROBY WENERYCZNE**

SYFILIS (914) NIEMOC PŁCIOWA.

Przyjmuje od 9—1 i 3—8 wiecz.—Adres: Lubelska 34 (w podwórzu II p.)

אנאנסען - אבטיילונג
פון „ראדאמער-קעלצער לעבען"
אין קאאפעראטיוו „סורוויס"
לובלינער 23 ווא ס'ווערט
אנגענומען אלערלי אנאנסען

# MAGISTRAT m. RADOMIA,

Wydział Skarbowy, podaje do publicznej wiadomości, że dn. 17 i 19 grudnia 1928 r. między godz. 9-tą a 3-cią po południu odbędą się na Placu Jagiellońskim przymusowe licytacje ruchomości u niżej wymienionych osób, na pokrycie zaległych podatków i innych należności.

**17 grudnia 1928 r.:**

1) Pomorskiego Marjana przy ul. Żeromskiego 58/60 na:— kredens dębowy ciemny, zegar stojący szafkowy, otomanę, szafę z lustrem, stół dębowy stołowy, 8 krzeseł dębow. obijan. skórą maszyna nożna do szycia.
2) Gierycz Zofji, zam. przy ul. Ceglanej 5 na:— biurko dębowe, 6 krzeseł dęb. krytych skórą, otomanę, zegar ścienny, aparat radjowy w skrzyn. dęb. szafę oszkloną [bibljotękę] i lustro-tremo.

**19 grudnia 1928 r.**

3) Glancszpigla Izraela, zam. przy ul. Szpitalnej № 7 na: 15 zegarów ściennych, 20 szafek do zegarów, 7 zegarów-budzików i szafę z lustrem
4) Frydmanów: Szmula, Lejzora, Ałte - Abrama i Frukenberga, Spadk. Mordki Frydmana, zam. przy ul. Słowackiego № 26 na· etażerkę, maszynę nożną do szycia „Singer", 4 stoły dęb. duże, 1 stół mały, 12 krzeseł wiedeńskich, 6 krzeseł roboty stolarskiej, 2 otomany pluszowe, 3 szafy do ubrania, zegar ścienny, 2 zegary budziki, 3 szafki nocne dębowe, 4 podstawki do kwiatów, lustro ścienne, kredens dębowy, 3 pary firanek, drzewo opałowe (szczapowe) 500 klg. węgla kamiennego.-

MAGISTRAT m. RADOMIA
**Wydział Skarbowy**


**Teatr „ROZMAITOŚCI" w Radomiu**

**W Sobotę 15 grudnia r. b.**

**OLIMPIADA HUMORU**

Udział przyjmują najwybytniejszy artyści teatrów Warszawskich

*P. Relewicz - Ziembińska*
*Romuald Gierasieński - Adam Rapacki*
*Włodzisław Ziembiński - Karol Hanusz*

Kapelmistrz **A. RAPACKI**

Szczegóły w afisrach **Początek o godz. 8 wiecz.**

Bilety wcześniej do nabycia u p. J. Miecznikowskiego Lubelska 13.



**שניעגאוצעס קאלאשן** אלע סארטען
**אויך גומי-פלאטען צום פעריכטען**
פערקויפט אמביליגסטען
**צ. לאראסלאוון**
קיעלץ, לעאנארדע 6
בעמערקונג: עס ווערען אנגענומען צום פעריכטען קאלאשען, שניעגאוצעס און אלע ארט אויסארבייטונגען.


**1**

**שנייד אויס דעם נומער 1**
און גיב אב
**פאר דעם אונפארטייאישען בלאק**
מיט דער צוזאמענארבייט
**מיט דער קראנקען-קאסע**
**פאר דער ליסטע נומער 1**

## צו די
# יודישע ארבייטס-געבער.

אין בעראמארגען זונטאג דעם 16-טען גרודזיען קומען פאר די וואהלען צו דער קראנקען-קאסע אין ראדאם. אין אזעלכע פאלען פיהרט זיך מעהרסטענטייל דער קאמפף צווישען די פערזיכערטע, וועלכע איינטערטיידען זיך לויט זייערע פראגראמען און פארטיי-איבערצייגונגען. גאנץ אנדערש זעהט אויס אזא וואהל-פעריאד ביי די ארבייט'ס-געבער, וועלכע בילדען ווי געוועהנליך א פערהעלטניסמעסיג-קלענערע צאהל און דערפאר שטעלען די לעצטע אפטמאהל בעת אזעלכע וואהלען ארויס איין פעראייניגטע ליסטע. אין אזא מאמענט פאלען אלע 15 מאנדאטען צו אויטאמאטיש פאר דער ליסטע פון די ארבייט'ס-געבער. דאס זעלבע האט אויך געקאנט געשעהן ביי די יעצטיגע וואהלען צו דער קראנקען-קאסע, ווען נישט די בעהערשונג'ס-טענדענצען מצד די אנפיהרער פון דער ליסטע נומער 2, דאס הייסט די ליסטע פון די פעראייניגטע פאבריקאנטען.

די דערמאנטע ליסטע האבען מיר ניט געקאנט אנערקענען אלס אן אבשפיגלונג פון די אנשויאונגען פון __אלע ארבייטס'ס-געבער__ און אט צוליב וואס: די ליסטע נומער 2 פרעזענטירט אויסשליסליך דער גרויס-אינדוסטריע, וועלכער איז נאך נישט דער גאנצער און דער איינציגער פעראינטערעסירטער צד אויפ'ן באדען צו פערוואלטען מיט'ן געזעלשאפטליכען קאפיטאל, וועלכער איז לאקירט אין דער קראנקען-קאסע נישט בלויז דער גרויס-אינדוסטריעלער צאהלט די „סקלאדקעס", וואו זענען די דראבנע און קלענערע ווארשטאטען, וואו איז די אינטעליגענץ, וועלכע דארפט אויך פעררעכענט ווערען צו די „ארבייט'ס-געבער" אין צוזאמענהאנג פון דער אונבעדינגטער פערזיכערונג פון זייער הויז-דינערשאפט?

אנדערש איז די לאגע פון די קלענערע ארבייט'ס-געבער און אנדערש איז די לאגע פון די גרויס-אינדוסטריעלער און אייגענטימער פון די גרויסע פאבריקאנטען. אונז ליגט נישט דערין, צו שאדענען די אזוי וויכטיגע אינסטיטוציע פון געזעלשאפטליכע פערזיכערונג. מיר ווילען געהן מיט'ן שטראם פון דער צייט און מיר שטרעבען צו א צוזאמענארבייט מיט די גרויסע מאסען פערזיכערטע, אבער נישט ווי יענע, וואס בעקעמפפען כסדר אזא וויכטיגע אינסטיטוציע ווי די קראנקען-קאסע, וואס איהר אויפגאבע איז געגענצווירקען קראנקהייטען און אויפצוהויבען דעם געזונדהייט'ס-צושטאנד פון די ברייטע מאסען פון דער בעפעלקערונג.

אונזער פראגראם איז קלאר און דייטליך: מיר געהען צו די קראנקען-קאסע נישט אויף צו בעקעמפפען, נאר שעפפעריש מיטצוארבייטען. די פערזיכערטע צוגלייך ווי די ארבייט'ס-געבער טראגען ביידע די לאסטען, צאהלענדיג די „סקלאדקעס". א בשותפות'דיגער איז דעריבער זייער אינטערעס פאר א זארגפעלטיגער פיהרונג אין דער אדמיניסטראציע פון קראנקען-קאסע און טאקע דאס ווילען מיר זיך בעמיהען, אז דער געמיינזאמער אינטערעס זאל בעפרידיגט ווערען.

מיר וועלען שטרעבען אויסצובעסערען די ארגאניזירונג פון דער מעדיצינישער הילף.

מיר וועלען שטרעבען, אז __ס'זאלען געמילדערט ווערען די עקזעקוציע-אופגים אין בעצוג צו די קלענערע ארבייט'ס-געבער.__

בעקענענדיג זיך אין דער גערעכטיגקייט פון אונזער פראגראם וועלען די ארבייט'ס-געבער פערשטעהן ווי געהעריג צו טראקטירען אונזערע בעגרינדעטע ארויסגערוקטע פאסטולאטען און אבגעבען די שטימען פאר דער ליסטע נומער **1.**

# וואהל-קאמיטעט
פון **אונפארטייאישען בלאק**
**מיט דער צוזאמענארבייט מיט דער קראנקען-קאסע**

# (ליסטע נום. 1)
— אין ראדאם. —

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20